**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/7/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אומזיסטע פישכאפן טאג אום נאוועמבער 11׳טן אויף צו פארעהרן ניו יארק׳ס וועטעראנען**

***פרישוואסער פישכאפן לייסענס פאדערונג מוותר געווען פאר איינוואוינער און נישט-איינוואוינער***

***אומזיסטע פישכאפן טאג איז איינע פון פילע וועגן וואס ניו יארק סטעיט אנערקענט און העלפט ארויס וועטעראנען און אקטיווע פליכט מיליטער אין זיך באהעפטן מיט׳ן אפנלופטיג נאטור***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט פארעהרט וועטעראנען מיט א גאנץ-סטעיט׳יגע אומזיסטע פישכאפן טאג אום פרייטאג, נאוועמבער 11. אויסגעקליבן אויף צו קומען אינאיינעם מיט וועטעראן׳ס דעי, וועט נאוועמבער 11 אפצייכענען דעם לעצטן אומזיסטער פישכאפן טאג פונעם יאר. פישכאפן ווערט גערעכנט איינע פון די מערסט טעראפיוטישע אינדרויסנדיגע אקטיוויטעטן, און דאס מאכט עס אן אידעאלע אקטיוויטעט פאר וועטעראנען, די וועלכע דינען איצט אין מיליטער, און אלע ניו יארקער וואס זוכן ארויסצוגיין אינדרויסן און הנאה האבן פון די אפענע לופטן.

״מיר שיקן ארויס א ליניע פאר אלע ניו יארקער וועטעראנען מיט דעם אומזיסטן פישכאפן טאג אלס א וועג צו פארעהרן די וועלכע האבן געדינט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״א דאנק אונזער ברייטע אפהיט באמיאונגען צו באהיטן אונזער נאטורליכע אוצרות און סביבה, ניו יארק זעצט פאר ווייטער צוצושטעלן אויסגעצייכנטע פישכאפן געלעגנהייטן פאר אלע פישכאפער פון יעדן ניווא און פעאיגקייט. דער אומזיסטער פישכאפן טאג וועט צושטעלן א גוטע געלעגנהייט פאר אונזערע בראווע יחידים וועלכע האבן געדינט צו באשיצן אונזער דעמאקראטיע און אונזערע פרייהייטן אויף צו געניסן פון איינע פון ניו יארק סטעיט׳ס פילע ערשטראנקיגע פישכאפן לאקאציעס.״

במשך די באשטימטע אומזיסטע פישכאפן טעג, דארפן פישכאפער נישט האבן קיין פישכאפן לייסענס צו כאפן פיש אין ניו יארקער פרישע וואסערן. אלע אנדערע פישכאפן רעגולאציעס זענען אין קראפט. פאר מער אינפארמאציע איבער אומזיסטע פישכאפן טעג באזוכט [דעם דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג׳ס (DEC) וועבזייטל.]()

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״DEC שטאלצירט זיך צו העלפן פארעהרן ניו יארקער וועטעראנען. מיט איבער 7,500 לעיקס און פּאָנדס און 70,000 מייל טייכן און שטראמען, באט אן ניו יארק אומצאליגע פרישוואסער פישכאפן געלעגנהייטן לענגאויס דעם סטעיט פאר פישכאפער צו געניסן א גאנץ יאר. DEC און אונזערע צוזאמארבעטער זענען אנטשלאסן ווייטער מקרב צו זיין וועטעראנען און אקטיווע פליכט מיליטער און מיטיילן די פילע בענעפיטן וואס פישכאפן, געיעג, הייקינג און אנדערע אפנלופטיגע אקטיוויטעטן קענען פארזארגן פאר פיזישע און גייסטישע געזונט.״

DEC׳ס [אומזיסטע פישכאפן טעג פראגראם](#) האט זיך אנגעהויבן אין 1991 אויף צו געבן פאר מענטשן וואס וואלטן זיך נישט אפגעגעבן מיט פישכאפן דער געלעגנהייט אויסצופרובירן דעם ספארט בחינם, ווי אויך צו מוטיגן מענטשן צו שטיצן אפהיטונג דורך איינקויפן א ניו יארק סטעיט פישכאפן לייסענס. [מער אינפארמאציע אויף קויפן א ״פישינג לייסענס״](#) קען מען געפונען אויף דעם DEC וועבזייטל.

**פארברייטערן פישכאפן געלעגנהייטן אין ניו יארק**
ניו יארק סטעיט איז אנטשלאסן צו מאכן די אפנלופטיגע שטרעקעס מער צוטריטליך און אריינברענגען נייע פישכאפן צום ספארט פון פישכאפעריי. דורך DEC׳ס [׳איי פיש ניו יארק׳ פראגראם](#), העכערט דער סטעיט פישכאפן אנטיילנעמען און באוואוסטזיניגקייט איבער די אויסגעצייכנטע פישכאפן געלעגנהייטן דא אין ניו יארק.

דער סוף-וואך, האט DEC געהאלטן איר יערליכן וועטעראן פליי-פישינג פראגראם. די לעצטע 15 יאר, גיבט DEC וועטעראנען א שאנס צו כאפן און באפרייען סטיעלהעד אויף א פריוואטע פארציע פון דעם סעלמאן טייך אלס טייל פון א צוזאמארבעטשאפט מיט [פראיעקט ׳היילינג וואטערס פליי-פישינג׳ (PHWFF)](#) און [׳קאמפיער-קארפס׳ ראטשעסטער](#). PHWFF איז א נאציאנאלער נאנפראפיט געווידמעט צו די פיזישע און גייסטישע רעהאביליטירונג פון דיסעיבעלד וועטעראנען און דיסעיבעלד אקטיווע מיליטערישע דינסט פערסאנאל דורך פליי-פישינג און בילדונג איבער פליי-טייאינג און שטאנג-בויען. עס איז איצט אנערקענט אלס אן אינאוואטיווע פירער אין דעם פעלד פון טעראפיוטישע אפנלופטיגע פארוויילונג. ׳קאמפיער-קארפס׳ פארזארגט היילנדע פריינטשאפט צו די קאמיוניטי מיטגלידער וואס וואוינען מיט גייסטישע געזונט פאדערונגען, און גלייכצייטיג צעשמעטערן די שאנדע-צייכנס ארום גייסטישע געזונטהייט אומשטענדן.
**פראיעקט ׳היילינג וואטערס פליי פישינג׳ אסוועגא פראגראם פירער דזשאן פראפסטער האט געזאגט,** ״דורך אנשטעלן דעם יערליכן סוף-וואך פראגראם, האבן DEC און ׳קאמפיער-קארפס׳ צוזאמגעברענגט פילע וועטעראנען אין חבר׳שאפט און גרויסע פישכאפן דערציילונגען. DEC׳ס שטיצע פון פישכאפן לאקאציעס, אומזיסטע פישכאפן טעג, און קווארטיר האבן געמאכט דעם סוף-וואך א הויכפונקט פון יעדן אנטיילנעמער׳ס יאר, אפילו אויב זיין כאפן נישט דאס מאל דאס גרעסטע. מיר קענען נישט גענוג דאנקען דעם DEC פאר זייער ברייטהארציגקייט.״

**ראטשעסטער ׳קאמפיער-קארפס פליי-ראד וואָריארס׳ סקול פאר דיסעיבעלד וועטעראנען מיט-גרונדער דעיוו אגנעס האט געזאגט,** ״עס איז אונז א ספעציעלן כבוד צו דינען די בראווע מענער און פרויען וועלכע האבן באשיצט אונזער לאנד. איצט האבן מיר די געלעגנהייט, מיט DEC, זיי צו נעמען אינדרויסן אין די ציכטיגע און שלווה׳דיגע סביבה מיט׳ן האפענונג אז זיי געניסן פון א סוף-וואך פון חבר׳שאפט און גרויסע פיש.״

ניו יארק סטעיט איינוואוינער וועלכע קוואליפיצירן אויך אלס אקטיווע-פליכט מיליטערישע מיטגלידער (זעט https://www.dec.ny.gov/permits/6097.html פאר דעטאלן) קענען מעגליך באקומען אן אומזיסטע פישכאפן לייסענס, ווי אויך אן אומזיסטע געיעג און / אדער טרעפינג לייסענס, אויפ׳ן תנאי אז זיי האבן די פאסיגע געיעגער און / אדער טרעפער בילדונג. וועטעראנען מיט א סערוויס-פארבינדענע דיסאַביליטי פון 40 פראצענט אדער מער (יערליכע באווייז פארלאנגט פון דעם יו-עס דעפארטמענט פון וועטעראנען אנגעלעגנהייטן) קענען באקומען רעדוצירטע אפצאל געיעג און פישכאפן לייסענסער און פרעפערענץ פאר הערש פארוואלטונג פערמיטס. מער אינפארמאציע איבער בארעכטיגקייט קען מען געפונען אויף דעם DEC וועבזייטל אויף https://www.dec.ny.gov/outdoor/83411.html.

DEC דערמאנט פישכאפער אז זיי קענען יעצט געניסן פון ניו יארק׳ס טראָוט שטראם פישכאפן רעסאָרסן א גאנץ יאר. פישכאפער ווערן פארלאנגט צו ניצן בלויז מענטשן-געמאכטע פאנג-מיטלען און תיכף ארויסלאזן טראָוט וואס זיי כאפן. דעם כאפן-און-ארויסלאזן סעזאן איז אנווענדליך בלויז צו אינלאנדישע

טראָוט שטראמען. פישכאפער זאלן זיך באראטן מיט DEC׳ס רעגולאציעס אנווייזער פאר רעגולאציעס פארבינדן מיט לעיקס און פּאָנדס וואס האלטן טראָוט בעפאר׳ן כאפן פיש.

**געפונט אן ארט צו כאפן פיש נעבן אייך**
פריער דאס יאר, האט DEC איינגעפירט דעם נייעם ׳טעקל באָקס׳ פיטשור אויף צו פארבעסערן פישכאפן-פארבינדענע טוריזם און העלפן נייע און ערפארענע פישכאפער געניסן פון די גאר גוטע פישכאפעריי אנגעבאטן לענגאויס ניו יארק. דער ׳טעקל באָקס׳ פיטשור קען מען באקומען אויפ׳ן DEC׳ס HuntFishNY מאָבייל עפּ (צו באקומען פאר iOS און ׳ענדראָוד׳ מכשירים), וואס שטעלט צו אינפארמאציע אויף כמעט אלע סטעיט פישכאפן רעגולאציעס, וואסער-ערטער, סטעיט-אפערירטע פישכאפן צוטריט ערטער, סטאָקינג אינפארמאציע, און אנדערע ניצבארע אייגנשאפטן ווי למשל בילדער צו העלפן אידענטיפיצירן פיש אומשטאנד זיך צו געפונען אין א געוויסע טייך, לעיק אדער שטראם. מער אינפארמאציע אויף דעם HuntFishNY מאָביל עפּ קען מען געפונען אויף DEC׳ס וועבזייטל.

צו געפונען פישכאפן געלעגנהייטן נעבן אייך, באזוכט די ׳פלעצער צו פישכאפן׳ בלעטער אויף DEC׳ס וועבזייטל. פאר מער אינפארמאציע אויף פארברייטערטע טראָוט פישכאפן געלעגנהייטן אויף אינלאנדישע שטראמען קוקט נאך אויפ׳ן אינטעראקטיוון טראָוט שטראם פישכאפן מאפע אויף ׳DECInfo לאקעיטאר׳. די מאפע פארזארגט טראָוט שטראם פישכאפער מיט וואָן-סטאַפּ-שאַפּינג פאר אינפארמאציע איבער סטאָקינג, פישכאפן צוטריט, סעזאן דאטומען און רעגולאציעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418